STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02608

# YIDISHE FOLKSRETENISHN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג „די נייע יידישע פאלקסשול“
סעריע „פאָלקלאר“ — № 1.

# יידישע פאלקסרעטענישן

געזאמלט און דערקלערט
פון ש. באסטאמסקי.

ווילנע — 1917

דרוקעריי נ. ראָזענטאל, ווילנע, גר. סטעפּן-גאס 14

דו מיידעלע דו שיינס, מיידעלע דו פיינס,
איך וועל דיך עפּעס פרעגן אַ רעטעניש
אַ פיינס:
וואָס איז העכער פאַר אַ הויז,
וואָס איז פלינקער פאַר אַ מויז?
—נאַרישער בחור, נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ;
דער רויך איז העכער פאַר אַ הויז,
אַ קאַץ איז פלינקער פאַר אַמויז.

דו מיידעלע דו שיינס, מיידעלע דו פיינס,
איך וועל דיך עפּעס פרעגן אַ רעטעניש
אַ פיינס:
וואָס פאַר אַ וואַסער איז אָן אַ זאַמד,
וואָס פאַר אַ מלך איז אָן אַ לאַנד?
—נאַרישער בחור, נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ;
דאָס וואַסער פון אויג איז אָן זאַמד,
דער מלך פון קאָרטן איז אָן אַ לאַנד.

פאָלקס-ליד

1.

ווייס געשפּריים,
שוואַרץ געזיים,
ווער עס זיים,
דער פאַרשטייט.

2.

ווייס געשפּריים,
שוואַרץ געזיים;
וואו מען שיקט,
דאָרטן גייט.

3.

שוואַרץ געזיים,
ווייס געשפּריים,
מיט גענז געאַקערט.

4.

גלאַט ווי סאַמעט,
ווייס ווי שניי;
מ'קוקט זיך איין—
זעט מען צוויי.

5.

ניט קיין העמד—
און דאָך גענייט;
ניט קיין בוים—
און פול מיט בלעטער;
ניט קיין מענש—
און רעדט צו דער זאַך.

6.
הויך ווי אַ מויער,
גראָב ווי אַ פּויער,
זיס ווי צוקער,
ביטער ווי גאַל.

7.
אין וואַלד וואַקסט דאָס,
אין קראָם הענגט דאָס,
מ'גיט אַ ריר-ווײנט דאָס.

8.
אין וואַלד וואַקסט דאָס,
אויפן פערד הענגט דאָס,
אַלע ווייבער שאָקלען דאָס.

9.
וואר.
אין וואַלד וואַקסט דאָס,
אויפן פערד הענגט דאָס,
ווי עס פאַלט אַריין
צו די ווייבער אין די הענט,
מאַכט דאָס „פּיטש-פּאַטש".

10.
אַלע נוצן דאָס,
אַלע דאַרפן דאָס,
דער קיסר נעמט פאַר דאָס
אראָפּ דאָס היטל,
די וועלט האָט דאָס קאָם
אַ נאָמען געגעבן.

11.
אַ שומר, אַ היטער,
אַ געברענטער, אַ געשמידטער,
ניט אַליין נעמט ער,
ניט דעם צווייטן גיט ער.

12.
אַ שוואַרצער טאַטער,
נעגל האָט ער,
וואו מען שיקט אים,
דאָרטן גייט ער.

13.
אַן אײַזערנער פערד
מיט אַ פלאַקסענעם עק;
וואו מען שטופּט אים,
דאָרטן גייט ער.

14.
אַלעמען באַנייט דאָס,
אַלעמען באַקליידט דאָס,
און אַליין גייט דאָס
מוטערנאַקעט.

15.
ער פליט אָן פליגל,
ער מויערט אָן ציגל,
ער לייגט זיך ווי אַ האַר
און שטייט אויף ווי אַ נאַר.

16.

ער גייט אַרויף —
און נעמט אַרויס,
ער גייט אַראָפּ —
און שאָקלט אויס.

17.

אַ לעבעדיקער
שלאָגט אַ טויטן,
דער טויטער שרייט
און ס'הערט זיך ווייט.

18.

אַ ווייסער מויער
און אַ געלער מויער;
וויל מען צוקומען צום געלן,
מוז מען צוברעכן דעם ווייסן.

19.

אַ ליילאַך געשפּרייט,
אַרבעס געזייט,
אַ טעלערל אינמיטן.

20.

אויף דר'ערד גיי איך ניט,
אויפן הימל קוק איך ניט,
די שטערן צייל איך ניט.

21.

מיין טאַטנס אַ זון
און מיינער ניט קיין ברודער.
ווער איז דאָס?

22.

דער טאַטע האָט געלט —
און קען ניט איבערציילן;
די מאַמע האָט אַ קאָלדרע —
און קען זיך ניט צודעקן;
די שוועסטער האָט דאָר —
און קען זיך ניט אויסקאַמען;
דער ברודער האָט אַן עפּל —
און קען אים ניט אויפּעסן.

23.

אַ גראָבע מאַמע,
אַ רויטער טאַטע,
אַ הויכער זון,
אַ משוגענע טאָכטער.

24.

מאַן און ווייב,
קורץ און לאַנג,
שוואַרץ און ווייס.
ווער זיינען זיי?

25.

גרין ווי גראָז —
נאָך ניט דאָס;
רויט ווי בלוט —
נאָך ניט גוט;
שוואַרץ ווי קויל —
אָ דאָס איז וואויל.

26.

זיצט אַ צווייפּוס
אויף אַ דרייפּוס,
האַלט אַן איינפּוס;
קומט אַ פירפּוס
כאַפּט דעם איינפּוס;
לויפט דער צווייפּוס,
יאָגט דעם פירפּוס,
פאַלט דער דרייפּוס.

27.

פיר רַבָּנים זיצן אין איין שטוב,
אַלע אין איין עלטער,
אַלע קענען גלייך לערנען.
איינער וויל אַריין –
וועמען דאַרף ער געבן
צום ערשטן די האַנט?

28.

צוויי ברידער:
איינער איז מיינער אַ פעטער,
דער אַנדערער ניט,
ווער איז ער?

29.

צוויי ברידער זיצן אויף איין
בוים און זעהען זיך ניט.

30.

פיר ברידער
טראָגן איין היטל.

31.

הונדערט ברידער אָן אַ מאַמען
שטייען געבונדן אַלע צוזאַמען.

32.

פיר פאַניענקעס יאָגן זיך
און קענען זיך ניט דעריאָגן.

33.

אַ פאַניענקע זיצט אויפן דאַך
און רויכערט אַ ליולקע.

34.

אַ בלויאינקער טעלערל
פול מיט אַרבעס.

35.

אַ לאַטע אויף אַ לאַטע
און אָן אַ נאָט.

36.

אַ קאָפּ אָן האָר,
מילך און אַייטערס.

37.

אַ ווייס מויל
און שוואַרץ ווי קויל.

38.

אַ נייע כֵּלִי
פול מיט לעבער.

39.

עס הענגט אויפן וואַנט
אַ קרעציקע האַנט.

40.
אויף אַן אויסגעדרייטן בוים
שפּרינגען אַ סך ציגן.

41.
אויף אַ רויטן שנירעלע
הענגט ווייסע גרעט.

42.
אַ ברעט ליגט אין וואַסער
און ווערט ניט צופוילט.

43.
ס׳קייקלט זיך אַ פּעסעלע
אין אַ שמאָלינקער געסעלע
און ווערט ניט צובראָכן.

44.
מען קריכט אויף אים
און ער שטייט רוהיק.

45.
ביי טאָג שלאָפט ער,
ביינאַכט לעבט ער.

46.
זומער טוט ער אָן דעם פּעלץ,
ווינטער טוט ער אויס דעם
פּעלץ.

47.
אַ האַלב יאָר גייט מען אויף מיר,
אַ האַלב יאָר פאָרט מען אויף
מיר.

48.
ער גייט און גייט
און רירט זיך פון אָרט ניט.

49.
מיט מַשָׂא גייט ער,
אָן מַשָׂא שטייט ער.

50.
ער גייט און לויפט,
ציילט טעג און יאָרן,
ניט מענשלאַך געבאָרן.

51.
איך האָב קיין פיס ניט
און גיי;
איך האָב קיין הענט ניט
און שלאָג.

52.
אויערן האָט דאָס
און הערט ניט,
אַ מויל האָט דאָס
און עסט ניט,
קיין פיס האָט דאָס ניט
און שטייט.

53.
אַ טויטער האָט דאָס;
ווען אַ לעבעדיקער וואָלט
דאָס געהאַט,
וואָלט ער גלייך געשטאָרבן.

54

אָדָם - פון ערד,
אברהם - פון קאַלכאויוון,
יוסף - פאַרברענט.
וואָס איז דאָס?

55

דער פּאָטער איז נאָך ניט
אַרוים אויפן דער וועלט און
דער זון איז שוין אויפן דאַך.

56

געדרייט זיך, געדרייט זיך -
און אַוועקגעשטעלט זיך אין
אַ ווינקעלע.

57

ביים גביר אויפן טיש,
ס'האָט פיר פיס,
מ'גיט אַ ריר - גיט אַ גיס.

58

אַז מ'וואַרפט אַראָפּ, קען מען
דאָס שוין ניט אויפהייבן.

59

וואָס מ'ער מע נעמט פון דאָס,
אַלץ גרעסער ווערט דאָס.

60

אין וואַסער ווערט דאָס
געבוירן,
אין וואַסער ווערט דאָס
פאַרלוירן.

61

אין פייער ווערט דאָס געבוירן,
אין פייער ווערט דאָס פאַר-
לוירן.

62

דורך איין טיר גייט דאָס אַריין,
דורך צוויי טירן גייט דאָס
אַרויס.

63

פון דר'ערד גייט דאָס אַרויס,
אין דר'ערד גייט דאָס אַריין.

64

אַליין בין איך אָרים,
און דעם צווייטן מאַך איך רייך.

65

אַזוי לאַנג ווי איך נעם ניט
קיין טרונק,
קען איך ניט ריידן.

66

אַ פאַניענקע זיצט אויפן דאַך,
קאָכט פיש און פאַרזוכט,
וואָס פעלט?

67

אַלץ גייט אין דעם אַריין,
וואָס איז דאָס?

68

וואָס זעט דער קיסר זעלטן,
דער פּאַסטוך שטענדיק,
און גאָט - קיינמאָל ניט?

69

וואָס איז די שווערסטע זאַך אויף דער וועלט?

70

וואָס איז די גרינגסטע זאַך אויף דער וועלט?

71

וואָס איז די שנעלסטע זאַך אויף דער וועלט?

72

אָן וואָס קען זיך קיין זאַך ניט באַגיין?

73

וואָס איז געווען מאָרגן,

וואָס וועט זיין נעכטן?

74

וואָס איז ביי אַ רב העכער פאַרן שֵׂכל?

75

וואָס וואַקסט אָן רעגן?

76

וואָס ווערט אַ באָק נאָך זיבן יאָר?

77

וואָס איז אונטער אַ פערינע?

78

וואָס איז שווערער - אַ פוד אייזן צי אַ פוד פוך?

79

וואָס קען מען זען און ניט אָננעמען?

80

אין וואָס פאַר אַ פעסל קען מען קיין וואַסער ניט גיסן?

81

פאַרוואָס זיינען יידן אַזוי אָרים?

82

פאַרוואָס האָט אַ ייד קיין מורא ניט פאַרן טויט?

83

פאַרוואָס זאָגט מען אויף אַ חַזן, אַז ער איז אַ ליגנער?

84

פאַרוואָס קרייט אַ האָן מיט צוגעמאַכטע אויגן?

85

פאַרוואָס טאָר מען אַ סטאָליער ניט באָרגן קיין געלט?

86

פאַרוואָס טאָר מען אַ כּלי־זמר ניט טרויען קיין געלט?

87

פאַרוואָס טאָר מען אַ בלעכער און אַ קוימענקערער ניט שטעלן פאַר קיין עדות?

88

פאַרוואָס טאָר אַ בלעכער מיט קיין טאָקער ניט וואוינען צוזאַמען?

89

פאַרוואָס טאָר אַ בעדער מיט קיין כּלי־זמר ניט וואוינען צוזאַמען?

90

פאַרוואָס טאָר אַ בַּעל־עֲגָלָה קיין כמעטענע ניט עסן?

91

פאַר וואָס קויפט אַ גַלָח אַ שטעקן מיט אַ גרויסע קאָפּ?

92

פאַר וואָס נעמט אַראָפּ דער קיסר דאָס היטל?

93

ווער איז ניט געבאָרן געוואָרן און דאָך געשטאָרבן?

94

ווער איז אַ בַּעל־חוב איבערן קאָפּ?

95

ווער זיינען די דריי מענשען, וועלכע האָבן געשפּילט אַ גאַנצע נאַכט און אַלע דריי האָבן אויסגעשפּילט?

96

ווער גייט אויפ'ן קאָפּ?

97

ווער ווייס, וואָס בײַ יענעם פעלט?

98

ווער ווײנט, איידער מ'שלאָגט אים אָן?

99

ווער באַקומט אַן אָפּזאָג, איידער ער הייבט אָן צו בעטן?

100

ווער גייט און שטייט הענגענדיק?

101

ווער האָט נאָך קיינמאָל קיין ליגן ניט געזאָגט?

102

ווער קומט אַלע מאָל צו פֿריה?

103

ווער קומט אַלע מאָל צו שפּעט?

104

ווער קומט שטענדיק צום ערשטן אין שול?

105

וועלכע מיידל דאַרף קיין חתן ניט האָבן?

106

וועלכער ברענגט נאָך זיין טויט מער נוצן ווי פֿאַר זיין לעבן?

107

וועלכע שפּייז ווערט געקאָכט אָן זאַלץ, ווייל מען קען דאָס ניט מאַכן געזאַלצן מיט גאָר דעם זאַלץ פֿון דער וועלט?

108

וועלכע מַשָׂא ווערט שווערער, וואָס מערער מענשן ס'טראָגן זי?

109

וועלכער מַאכל איז פריהער פּאַרעווע, דערנאָך טרייף און צום סוף פלייַשיק?

110

וועלכער ייד טראָגט דאָס גרעסטע היטל?

111

וועלכער מזיק שטאַרבט אין דער זעלביקער רגע, וואָס ער מזיקט?

112

וועלכן יום-טוב עסט מען גוט און מ'שלאָפט שלעכט?

113

וועלכער יום-טוב איז וואו מ'וויל, אָבער ניט וואָס מ'וויל;
וועלכער איז — וואָס מ'וויל, אָבער ניט וואו מ'וויל;
וועלכער איז וואו מ'וויל און וואָס מ'וויל?

114

אין וועלכן לעבעדיקן זאַק האַלט זיך אַיין וואַסער?

115

פון וועלכער מִלְחָמָה איז אויסגעהַרגעט געוואָרן אַ פערטעל טייל וועלט?

116

וועמעס טויט האָט די גאַנצע וועלט באַוויינט?

117

וויפיל בייגל קען מען אויפעסן אויפן ניכטערן האַרצן?

118

וואו איז זייער פינסטער, בעֵת ס'איז ליכטיק,
וואַרים — בעֵת ס'איז קאַלט, קאַלט — בעֵת ס'איז וואַרים?

119

ווען זיינען קרעפּלאַך געשמאַק?

120

ווען ווארפט מען גלאָז און ס'ווערט ניט צובראָכן?

121

ווען שלאָגט מען זיך און ס'טוט ניט וויי?

122

ווען פאַלט מען און מען צושלאָגט זיך ניט?

123

ווען קריגט אַ הונט אַ נאָמען?

124

ווען בלייבט אַ סוחר אין איין העמד?

125

ווען קען אַן אָרימאַן לעבן ווי אַ קיסר?

126

ווען נייט אַ שניידער אומזיסט? וואַר. — ווער נייט אומזיסט?

127

מיט וואָס הייבט זיך אָן דער טויט און מיט וואָס לאָזט ער זיך אוים?

128

אַ יינגל האָט געזעהן, ווי אַ פויגל איז געפלויגן און אַ הונט איז געזעסן אויף דעם עק. ווי קען דאָס זיין?

129

וואָס איז דאָס אַזוינס?

אַ טויבער האָט געהערט, ווי אַ שטומער האָט דערציילט, אַז אַ בלינדער האָט געזעהן לויפנדיק אַ האָז; אַ קרומער האָט זיך נאָך אים נאָכגעיאָגט, אַ הוילער האָט אים אַריינגעלייגט אין קעשענע און האָט אים געבראַכט אַהיים.

130

וואָס קען מען געבן איינעם אין האַנט, אַז די איבעריקע זאָלן דאָס זען און דער, וועמען מ'גיט דאָס, זאָל דאָס ניט זען?

131

אַמאָל איז אַן אורח געקומען אין אַ קרעטשמע, האָט ער דאָרטן געטראָפן אַ קליינע מיידעלע.

פרעגט ער בײַ איר — וואו איז דער טאַטע?

ענטפערט זי — דער טאַטע וואַרפט די לעבעדיקע אויף די טויטע.

פרעגט ער — וואו איז די מאַמע?

ענטפערט זי — די מאַמע קרענקט אין נַחֵת.

פרעגט ער ווייטער — וואו זיינען דיינע ברידער?

ענטפערט זי — זיי זיינען געגאַנגען זוכן דאָס, וואָס זיי האָבן ניט פאַרלאָרן.

פאַרשטייט ער ניט, וואָס זי מיינט, און פרעגט ווייטער — וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין פערד?

ענטפערט זי — מאַך אים חתונה מיטן זומער אָדער מיטן ווינטער.

האָט ער אַלץ ניט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט.

ווי דאַרף מען פאַרשטיין אירע תשובות?

132

אַמאָל האָט אַ ייד געדאַרפט אַריבערפירן איבער אַ טייך אַ ציג, אַ וואָלף און אַ קעפּל קרויט. אין שיפל האָט געקענט אַריינגיין פאַר אַמאָל נאָר דער ייד מיט איינער פון די דריי זאַכן; איבערלאָזן אויף איין זייט דעם וואָלף מיט דער ציג האָט ער ניט געטאָרט, ווייל דער וואָלף וואָלט זי געקאָנט אויפעסן, איבערלאָזן די ציג מיטן קעפּל קרויט האָט ער אויך ניט געטאָרט, ווייל די ציג וואָלט געקאָנט אויפעסן די קרויט. ווי אַזוי האָט דער ייד אַ[illegible] געפּ[illegible]ט [illegible] די [illegible] זאַכן?

133

האָלק געבױגן,

סטרונעס געצױגן,

פּיטש-פּאַטש —

אַװעקגעפלױגן...

134

פיר געצױגן,

צען געבױגן,

אַ קאָפּ אונטן,

אַ קאָפּ אױבן.

135

פלינק װי אַ האָן,

קלײן װי אַ מאָן,

שװער װי אַ שטײן.

136

שלאָגט אָן הענט,

הענגט אױף די װענט,

גײט אָן פיס,

שטײט אױפן טיש.

137

מע שטאָפּט אים,

מע שטאָפּט אים,

און ער װערט ניט פול.

138

בשעת ער גײט

ליגט ער.

139

בײטאָג גײט דאָס,

בײנאַכט שטײט דאָס.

140

הױך געבױט,

נידעריק געסטרױעט,

זיס װי צוקער,

ביטער װי גאַל.

141

אין אױװן שטײסטו,

אין מױל צוגײסטו,

װי הײסטו?

142

מיט פינף קלעצער

בױט מען אױס אַ שטוב-

און די קלעצער בלײבן גאַנץ.

143

צװײ שטײען צוזאַמען;

אַז ס'מישט זיך אַרײן אַ דריטער,

װערט דער פערטער אין כּעס.

144
מע קריגט מיר אומזיסט,
דאָך גיט מען פאַר מיר אָפּ
דאָס גאַנצע לעבן.

145
אַ פאַניענקע קאָכט פיש;
וואָס מער זי ליגט צו,
אַלץ ווייניקער ווערט דאָס.

146
אַ פאַניענקע זיצט אויפן דאַך
און האַקט פאַרפל.

147
אַ קינד העלפט די מוטער
קוילענען.

148
אין אַ שטאַל שטייען רויטע קי,
קומט אַריין אַ שוואַרצער אָקס
און טרייבט אַרויס די קי.

149
אַ ברייטע מוטער,
אַ הויכער פאָטער,
אַ בלינדע טאָכטער,
אַ משוגענער איידים,
אַ פלינקער אייניקל.

150
אַ געדיכטער וואַלד,
אַ פוסטע פעלד,
צוויי לאַמטערנעס,
איין גלאָק,
צוויי ווענט,
צוויי שנירעלאַך מיט גרעט,
דער בעל-הבית באַדט זיך.

151
ווי קומט אַ קאַץ איבערן וואַסער?

152
ווען ליגט מען די ציינער אויפן פאָליצע?

153
ווען שלאָפט מען לענגער, ווינטער צי זומער?

154
ווער איז דער גרעסטער בעל-גאווה?

155

וועמען באַגעגנט אַ מענטש דעם בעסטן פריינד?

156

וועמען באַוועגט זיך נישט דער שניידער אויף זיין שטיקל אַרבעט?

157

ווער איז זיכער פון אַ יונגן טויט?

158

ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט, אַז נאַראָנים האָבן ליב זיס?

159

ווער איז קיינמאָל נישט גוט?

ווער איז קיינמאָל נישט שלעכט?

160

ווער ווערט געבאָרן פליענדיק, לעבט ליגנדיק,

און שטאַרבט לויפנדיק.

161

פאַר וועמען האָט מען מורא פון פאָרנט,

פאַר וועמען — פון הינטן, און פאַר וועמען —

פון ביידע זייטן?

162

וואָס רוישט שטאַרקער ווי אַ מיל?

163

וואָס פאַר אַ דריי מענטשן זיינען דאָס:

איינער איז העכער פאַר אַלעמען,

פאַרן צווייטן נעמען אַלע אַראָפּ דאָס היטל,

ווען נישט דער דריטער, וואָלט אין שטעטל קיין רבצין

נישט געווען?

164

וואָס פאַר אַ בּרָכָה דאַרף מען מאַכן איבער אַ ליגנער?

165

גאָט איז דער פירער פון דער וועלט.

וואָס איז גרעסער פאַרן פירער?

166

אַז ס'פאַלט אַרונטער אַ קוגל,

מיט וואָס הייבט מען אים אויף?

167

אַז אַ פּאָפּ טרינקט זיך, ציט מען אים אַרויס פאַר די האָר;

פאַרוואָס ציט מען אַרויס אַ גַלָח, בשעת ער טרינקט זיך?

168

אויף אַ האַלבן דאַך דאַרף מען 100 שינדלען.

וויפיל שינדלען דאַרף מען האָבן אויף אַ גאַנצן דאַך?

169

וויפיל וועט זיין: איינס און צוויי און אַנדערהאַלבן,

צוויי און דריי און דריטהאַלבן?

170

איינעם האָט זיך געחלומט, אַז ער פאָרט אויף אַ שיף מיט זיין פאָטער און מוטער. די שיף טרינקט זיך. ער קען ראַטעווען נאָר זיך אַליין מיט נאָך איינעם. ער וויל ראַטעווען דעם פאָטער מיט דער מוטער. וואָס דאַרף ער טאָן?

171

דריי סוחרים און דריי גַזלָנים האָבן געדאַרפט אַריבער־פאָרן איבער אַ טייך. אויפן טייך איז געווען נאָר איין שיפל. אין שיפל האָבן געקאָנט אַריינגיין נאָר 2 מענטשן. ווי אַזוי זיינען זיי אַלע אַריבערגעפאָרן איבערן טייך, אויב איין סוחר האָט מורא געהאַט צו פאַרבלייבן מיט 2 גַזלָנים אויף איין ברעג?

# תשובות און ערקלערונגען.

1. אַ בוך.
2. אַ ברוו.
3. 〃
4. אַ שפּיגל.
5. אַ בוך.
6. אַ בוים מיט פירות און מיט בלעטער.
7. אַ פידל.
8. אַ זופּ.
9. 〃
10. אַ קאַם *).
11. אַ שלאָס.
12. אַ שוך.
13. אַ נאָדל מיט אַ פאָדים.
14. אַ נאָדל.
15. אַ שניי.
16. אַ קוימענקערער.
17. אַ מענש קלינגט אין גלאָק.
18. אַן איי.
19. דער הימל מיט די שטערן מיט דער לבנה.
20. אַ פיש.
21. איך אַליין.
22. די שטערן, דער הימל, די זונענשטראַלן, די לבנה
23. אַ קוימען, אַ פייער, אַ רויך, אַ ווינט.
24. די דריי פאָר תעניתים: צום גדליהו און תענית אסתר, עשרה בטבת און שבעה עשר בתמוז, ת׳ באב און יום־כפור.
25. אַ קאַרש.
26. זיצט אַ שוסטער אויף אַ דרייפיסיקן בענקעל און האַלט אַ שוך, קומט אַ הונט און כאַפּט אַרוים דעם שוך, לויפט דער שוסטער יאָגן דעם הונט, פאַלט דערוויל דאָס בענקעלע.
27. דער קליאַמקע.
28. מיין טאַטע.
29. צוויי אויגן.
30. אַ טיש.
31. אַ בעזים.
32. פיר רעדער.
33. אַ קוימען מיט אַ רויך.
34. דער הימל, די שטערן.
35. אַ קעפּל קרויט.
36. אַ הערינג.
37. אַ פאַן.
38. אַ זופּ, אַ ריבאַייזן.
39. אַ ריבאַייזן.
40. אויף אַ טרעפּ גייען מענשן.
41. די ציינער.
42. דער צונג.
43. אַן אויג.
44. אַ לייטער.
45. אַ לאָמפּ.
46. אַ בוים.
47. אַ טייך.
48. אַ זייגער.
49. אַ וואַנט־זייגער.

50—51. אַ זייגער.

52. אַן עמער.
53. דעם טויט.
54. אַ לימענער טאָפּ.
55. פייער און רויך.
56. אַ בעזים.
57. אַ סאַמאָוואַר.
58. אַ שפּיי.
59. אַ גרוב.
60. זאַלץ.
61. קוילן.
62. האָלץ אין אויוון; די אַש גייט אַרוים דורך איין טיר, דער רויך—דורכן קוימען.
63. וואַסער.
64. אַ ניל (0).
65. אַ פּענע.
66. דאָס, וואָס זי פאַרזוכט.
67. דער זונען.
68. זיין גלייבן.
69. א) דערקענען די אויגענע הסרונות. ב) טאָן אַ געגייטע זאַך.
70. א) געבן יענעם אַן עצה. ב) פאַר אַ מוטער—טראָגן אַ קינד אויף די הענט.
71. דער געדאַנק.
72. אָן אַ נאָמען.
73. היינטיקער טאָג.
74. די יאַרמולקע.
75. פּראָצענט.
76. אַכט.
77. וואַרים.
78. גליק.
79. דעם שאָטן.
80. אין אַ פולער.

---

*) דאָס רעטעניש געהערט צו די, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך שוין דעם ענטפער.

81. ווייל זייער נאָט לעבט אייביק און זיי קענען אים ניט ירשענען.

82. בשעת דער טויט איז דאָ, איז ער ניטאָ; בשעת ער איז דאָ, איז דער טויט ניטאָ.

83. ווייל ער איז אַ דרייער[1].

84. ווייל ער קען זיין תורה אויסווייניק.

85. ווייל ער קען מאַכן פּים[2].

86. ווייל ער קען פאַרשפּילן וואַר.—(אָנפּייפן).

87. ווייל זיי שטעלן איין דאָס לעבן פאַר געלט.

88. ווייל דער ערשטער מאַכט קריג און דער צווייטער מאַכט רעד, אַך[3].

89. דער ערשטער מאַכט וואַרים, דער אַנדערער שמילקעט אוים[4].

90. ווייל ער איז ניט קראַנק צו עסען זויערמילך.

91. פאַר געלט.[5]

92. פאַרן דאַשעק (ברילִיק).

93. אדם-הראשון.

94. דער, וואָס איז שולדיק דעם קירזשנער.

95. כלי-זמר.

96. דער נאָגל פון אַפּשאַץ.

97. אַ גנב.

98. אַן עמער (איידער מ'שלאָגט אָן די רייפן[6]).

99. אַן אָרימאַן — „ניטאָ וואָס צו געבן".

100. אַ זייגער.

101. אַ שטומער.

102. דער טויט.

103. דער שכל.

104. דער צווייטער.

105. די, וואָס האָט שוין.

106. אַ קאַרגער.

107. אייער.

108. צרות.

109. אַן איי (טרייף, ווען זי ליגט אונטער דער הון, פליישיק, ווען ס'פּיקט זיך פון איר אוים אַ הינדעלע).

110. דער, וואָס האָט דעם גרעסטן קאָפּ.

111. אַ בליץ.

112. סוכּות.

113. פּסח, סוכּות, שבועות.

114. אין אַ שוואָם.

115. בשעת קין האָט גע-הרגעט הבל'ען.

116. הבלם.

117. איינעם, ווייל נאָכן ערשטן און מען שוין ניט ניכטער.

118. אין אַ קעלער.

119. בשעת מ'עסט זיי.

120. בשעת מ'וואַרפט דרשה-געשאַנק.

121. בשעת מ'שלאָגט זיך אין דער דעה.

122. בשעת מ'פאַלט אויף אַ המצאה.

123. בשעת ער ווערט משוגע דאַן רופט מען אים „משוגענער הונט"[7].

124. ער איז אַלע מאָל אין איין העמד, ניט אין צוויי.

125. אין חלום.

126. בשעת ער מאַכט ניט קיין קניפּל.

127. מיט אַ „ט".

128. צוויי באַזונדערע זאַכן האָט דער יונגל געזען: א) ווי אַ פויגל איז געפלויגן ב) ווי אַ הונט איז גע-זעסן אויף זיין עק.

129. ס'איז אַ ליגן.

130. דעם אוּוערזיינעם.

131. דער טאַטע זייט (וואַרפט קערנער), די מאַמע ליגט אין קינ-פּעט, די ברידער אַוועק קלייבן יאַגדעכ; שפּאַן איין דעם פערד אין וואָגן אָדער אין שליטן.

132. פריהער האָט ער אַריבערגעפירט די ציג (דער וואָלף איז געבליבן מיט דער קרויט, ער עסט קיין קרויט ניט) נאָך דער ציג—די קרויט, דערנאָך האָט ער געפירט די ציג צוריק און גענומען דעם וואָלף, געלאָזן דעם וואָלף מיט די קרויט און ווידער געפאָרן נאָך דער ציג.

---

1) יידישער קאלאמבור. 2) אַ יידישער קאלאמבור (וואָרטשפּיל). 3) אויך אַ וואָרטשפּיל — מ'דאַרף דאָ געדענקען די ביידע באַדייטונגען פון די ווערטער „קריג" און „רעדלאַך". 4) געדענק ביידע באַדייטונגען פון וואָרט „שמילקענען". 5) מונדליבער רעטעניש. 6) וואָרטשפּיל — „אָנשלאָג". 7) ווערט געברויכט ווען אַ שלעכטער מענש פאַרערגערט זיך.

133. אַ זיפּ.
134. בײַט מעלקן אַ קו.
135. אַ פונק.
136. אַ זײגער.
137. אַ לעכערדיקער זאַק.
138. אַ שאָטן.
139. שיך.
140. דער חימל, די ערד, דאָס לעבן, דער טויט.
141. קוגל.
142. אַ פײג.
143. אַ פויג.
144. דער טויט.
145. װאָס מער זי ליגט צו צום מויל.
146. אַ האָגל.
147. דער שטיל (דאָס הענטל) פון אַ האַק. העלפט צו האַקן האָלץ.
148. אין אַן אויװן ליגן רויטע קוילן, קומט אַרײַן אַ פּאָמעלע און שאַרט אַרוים די קוילן.
149. די ערד, דער הימל, די נאַכט, דער װינט, דער בליץ.
150. די האָר אויפֿן קאָפּ, דאָס געזיכט, די אויגן, דער נאָז, די באַקן, די צײנער, דער צונג.
151. נאַס.
152. אַז מע ליגט אַרויף אַ קאַם אויף אַפּאָליצע.
153. זומער. װײל זומער ציט מען זיך אוים, און װינטער דרייט מען זיך צונויף *
154. אַ בעל עגלה. װײל ער האַלט אַלעמען הינטער זיך.
155. אַז ער קוקט זיך אַהין אין שפּיגל. קאַן דערזעט ער זיך אַליין.
156 בשעת מע נויט פאַר אים תכריכים.
157. אַן אַלטער מאַן.
158. די קלוגע.
159. דער טויט, אַ מאַמע.
160. אַ שניי.
161. פאַר אַ באָק, פאַר אַ פערד, פאַר אַ נאַר (אָדער פאַר אַ שלעכטן מענטשן).
162. צװײ מילן.
163. אַ קוימענקערער, אַ שערער, אַ רב.
164. שהכל נהיה בדברו (װײל אַלץ װאָס ער דערצײלט װערט גע־באָרן פון זײנע רייד).
165. אַ זעקמער.
166. מיט זאַמד.
167. װײל מע דאַרף אים ראַטעווען.
168. גאָרניט (אויב דער דאַך איז גאַנץ, דאַרף מען אויף אים קײן שינדלען ניט האָבן).
169. 12. **
170. ער דאַרף זיך אויפּ־כאַפּן פון שלאָף.
171. פריער זײנען אַריבער־געפאָרן 2 גזלנים. אײן גזלן האָט געבראַכט דעם שיפל צוריק און האָט גענומען דעם דריטן גזלן דערנאָך האָט דער גזלן װידער געבראַכט דעם שיפל און איז אַליין פאַרבליבן אויפן צװײטן ברעג. דאַן זײנען אַריבערגעפאָרן 2 סוחרים. צוריק האָבן געבראַכט דעם שיפל, 1 סוחר און 1 גזלן. דער גזלן איז אַרוים פון שיפל און די 2 סוחרים זײנען אָפּגעפאָרן. נאָכדעם האָבן שוין די גזלנים געבראַכט אײנער דעם אַנדערן.

---

*) דאָס װאָס „לענגער" דאַרף מען דאָ פאַרשטיין ניט אין דעם זין פון צײט.

**) אַ מינדלאַכער רעטעניש. אַז מען פרעגט אים אויף גיך, פאַרטומלט מען זיך און מע קען גלײך קײן ענטפער ניט געבן.

די תלמודישע ערציהונג, די געבארענע חריפות, די סוחרישע לעבנסגעניטשאפט האט אויסגעארבעט ביים יידן און דערהויפט ביי דעם ליטווישן יידן א ליבע צו אלץ, וואס ס'איז שבלדיק, שארפזיניק, צו פארשיידענע פארפלאנטערטע מאטעמאטישע איינפאלן, צו רעטענישן, ווארטשפילן. בין מנחה למעריב, אין די ווינטערדיקע אוונטן, פלעגן זיך אונזערע זיידעס און עלטער זיידעס ליב האבן אוועקצוזעצן אויספרובירן איינער ביים אנדערן דעם שכל פלייסן זיך אריבערשטייגן אין חריפות, געפינען פארשיידענע סתירות שטעלן פארשיידענע שכלדיקע פראגן, אויסטראכטן פארשיידענע שפראכקונצן. דאס איז געווען דער בעסטער פארגעניגן זייערער. אזוי פלעגן זיי צום ליבסטן פארברענגען די צייט.

הונדערטער רעטענישן און שבלדיקע איינפאלן זיינען מיט דער צייט אזוי געשאפן געווארן און אריבער פון דור צו דור. ביי היינטיקן טאג איז שוין אבער דער אלטער דור כמעט ווי אויסגעשטארבן, און צוזאמען מיט אים ווערט פארלארן א גרויסער טייל פון אונזער פאלקסשאפונג.

דאס טאר ניט דערלאזן ווערן, מ'מוז זען צונויפזאמלען אלץ וואס ס'איז נאר מעגלאך. א גרויסען אנטייל אין זאמלען מוז נעמען דער יידישער לערער. דער זאמלער פון די דאזיקע רעטענישן האט זיך אין משך פון צעהן יאר פארנומען מיטן יידישן פאלקלאר. א גרויסער מאטעריאל פון דער יידישער פאלקסשאפונג ליגט נאך ניט פארעפענטלאכט. און וועט מיט דער צייט ארויס אויף דער וועלט.

דעם מאטעריאל פון די פאלקסרעטענישן האט ער צו פארדאנקען כמעט ווי אויסשליסלאך די יידישע קינדער. און זיי, די יידישע קינדער, שענקט ער טאקע דאס דאזיקע ביכל א הארציקע מַתָּנָה.

**דער זאמלער**


אין פארלאג „קינדערהיים“ איז ארויס:

**„זאמלבוך פון קינדער-לידער און שפילן מיט געזאנג“**

געזאמלט פון **א. בולקין** און **ל. עפראן.**

**96 לידער** (טעקסט און נאָטן). — **פרייז 2.50 מארק.**

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן: ווילנע, א. בולקין, קינדערהיים, | ראדונער גאַס 13.

ס'איז ארויס פון דרוק די צווייטע זאמלונג

# „ליטע"

אונטער דער רעדאַקציע פון א. י. גאלדשמידט.

מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

1) דאָס זאַמעלבוך „ליטע" — א. י. גאָלדשמידט; 2) ליטע (לידער) — א. י. גראָדזענסקי; 3) די יידען אינ'ם גרויספירשטענטום ליטע: א) די ערשטע יידען אין ליטע — א. י. גאָלדשמידט; 4) ליטע (ליד) — לייב ניידוס; 5) דער פסיכאָסטענישער כאַראַקטער פון די ליטווישע יידען — ד"ר מעד. א. ווירשובסקי; 6) ליטווישע שטעטלעך (ליד) — אברהם זאַק; 7) די יידישע פראָפעסיעס אין ליטע — מ. כאַליט; 8) יידישע טעכטער (ליד) — לייב ניידוס; 9) ביי דער צושיידונג פון פעלקער (זכרונות פונים גירוש פון סוב. גוב. אין 1915) — פסח מארקוס; 10) די געשמדטע (פון א פאָעמע) — שרה רייזען; 11) „חטאת־נעורים" (עראינערונגען) — ש. אַנ־סקי; 12) ביי דער ווילִיע (אָקטאָווע) — לייב ניידוס; 13) אויפ'ן אלטען אָרט (ערציילונג) — פסח מארקוס; 14) ליטווישע מאָטיווען (לידער) — אברהם זאַק; 15) לייב ניידוס — ז. רייזען; 16) צוויי לידער — יעקב כהן; 17) יעקב כהן (נעקראלאָג) — א. י. גאלדשמידט; 18) א שטילע נשמה, אומעט (לידער) — אברהם גליקמאַן; 19) די ליטווישע פרעסע און די ליטווישע פארטייען — א. י. גאָלדשמידט.

פרייז 5 רובל.

פרייז פון ערשטען זאַמעלבוך „ליטע" — 2 רובל.

ביידע זאַמעלביכער צו באַקומען פאַרלאַג ביי א. י. גאלדשמידט.
ווילנא, וועגערסקי. ה. 25, וו. 16.